בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת ראה
מברכים אלול

כ"ה אב שנת תש"פ
לפ"ק

שנה 1, גליון 11

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן - נַחֲמוּ תש"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵר.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חִגֵר וָואס אִיז גֶעפָארְן מִיט צְוֵויי בַּאגְלֵייטֶער קַיין לֵייפְּצִיג, אוּן זֵיי זֶענֶען פַארבְּלָאנְדְזְשֶעט גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד, זֶענֶען אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי גַזְלָנִים אוּן הָאבְּן אַוֶועק גֶענוּמֶען זַיין קֶעסְטְל מִיט גֶעלְט, וֶוען דִי שְׁפַּייז וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט דֶער חִגֵר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶסְן גְרָאז פוּן פֶעלְד. אַמָאל הָאט דֶער חִגֵר גֶעטְרָאפְן אוּנְטֶער דִי גְרָאז אַ דֵיימַאנְט, דֶער דֵיימַאנְט הָאט גֶעהַאט פִיר עֶקְן אוּן יֶעדֶע זַייט הָאט גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶער סְגוּלָה, אֵיין סְגוּלָה אִיז גֶעוֶוען דֶער דֵיימַאנְט טְרָאגְט אַהִין וְוִי דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, אִיז דֶער חִגֵר אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט וְוִי דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, הָאט עֶר גֶעהֶערְט וְוִי דִי לְבָנָה בַּאקְלָאגְט זִיךְ צוּ דִי זוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אִין זַיין פִּיס.

דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאט זִיךְ דִי זוּן אָן גִירוּפְן אַדָאס זָארְגְסְטוּ. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַ רְפוּאָה. בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדְין אַ וֶועג. אוּן פוּן דֶעם וֶועג צוּ טֵיילִין זִיךְ כַּמָה וֶועגִין. אֵין וֶועג אִיז פוּן צַדִיקִים. אֲפִילוּ דֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פוּל פוּן דֶעם וֶועג אִין אִיטְלִיכְן טְרֶעט. אוּן אִיטְלִיכְן טְרֶעט וָואס עֶר טוּט. גֵייט עֶר אַלְץ אוֹיף דֶעם פוּל. אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן אַ וֶועג פוּן אַפִּיקוֹרְסִים אֲפִילוּ דֶער אַפִּיקוֹרֶס וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פוּל אִין אִיטְלִיכְן טְרֶעט כַּנַ"ל. אוּן סֶע פַאר הַאנֶדְעְן אַ וֶועג פוּן מְשׁוּגָעִים. אֲפִילוּ אַ מְשׁוּגֶע וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פוּל כַּנַ"ל. אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן כַּמָה וֶועגִין. אוּן סֶע פַאר הַאנְדִין אַ וֶועג. בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדִין צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענִין מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ יִסוּרִים פִירִין זֵיי דִי פְּרִיצִים אִין קֵייטִין. הָאבֶּען זֵיי קֵיין כֹּחַ נִיט אִין דִי פִיס. שִׁיט מֶען זֵיי אוּנְטֶער פוּן דֶעם פוּל פוּן דֶעם וֶועג. הָאבֶּען זֵיי כֹּחַ אִין דִי פִּיס. בְּכֵן זָאלְסְטוּ אַהִין גֵיין וָוארְן דָארְט אִיז דָא אַסַאךְ פוּל וֶועסְטוּ הָאבִּין אֵיין רְפוּאָה. אוֹיף דִי פִּיס (דָאס הָאט אַלְץ דִי זוּן גִירֶעט צוּ דֶער לְבָנָה) אוּן עֶר הֶערְט דָאס אַלְץ (הַיְינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּיס הָאט דָאס אַלְץ גִיהֶערְט).

דֶער וַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן אוֹיף דֶעם דוּמִיט אוֹיף

<<<

## אַ וָוארְט פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ (דברים טו, י)

וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד גֵייט נָאךְ גֶעלְט דַארְף מֶען שֵׁיין רֶעדְן צוּ אִים, דָאס אִיז נָאךְ אַסַאךְ מֶער וְוִי דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס מֶען גֶעבְּט אִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם) "אָמַר רַבִּי יִצְחָק: כָּל הַנּוֹתֵן פְּרוּטָה לֶעָנִי מִתְבָּרֵךְ בְּשֵׁשׁ בְּרָכוֹת, וְהַמְפַיְּסוֹ בַּדְּבָרִים מִתְבָּרֵךְ בְּי"א בְּרָכוֹת", וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט אַ פְּרוּטָה פַאר אַן עָנִי, וֶוערְט עֶר גֶעבֶּענְטְשׁ מִיט זֶעקְס בְּרָכוֹת, אוּן וֶוען אֵיינֶער בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אָרֶעמַאן, עֶר רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין, עֶר זָאגְט אִים: "גְלֵייבְּט'ס מִיר, וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען גֶעלְט גֶעבּ אִיךְ אַייךְ מֶער", אוּן עֶר בֶּעט פוּן יֶענֶעם אַ בְּרָכָה, אוּן עֶר אִיז אִים מְפַיֵּיס וְכוּ' וְכוּ', וֶוערְט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט עֶלֶעף בְּרָכוֹת. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ אִיד קוּמְט נָאךְ צְדָקָה, זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן כָּאטְשִׁיג עֶפֶּעס, אוּן דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים שֵׁיין.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַ אִיד וָואס קוּמְט נָאךְ גֶעלְט, אוּן אִים גֶעבְּן כָּאטְשִׁיג אַ דָאלֶער וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט "אַז דוּ הָאסְט אַ פוּפְצִיגֶער צוּ גֶעבְּן פַאר צְדָקָה, זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן פַאר פוּפְצִיג עֲנִיִּים אַ דָאלֶער, וְוִי צוּ גֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ פוּפְצִיגֶער אוּן אַוֶועק שִׁיקְן אַלֶע אַנְדֶערֶע אָן גָארְנִישְׁט, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַ אִיד מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט".

בֶּאֱמֶת אִיז עֶס אַ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פֵּאָה פֶּרֶק ד, מִשְׁנָה ה) "שֶׁל בֵּית נָמֵר הָיוּ מְלַקְּטִין עַל הַחֶבֶל, וְנוֹתְנִים פֵּאָה מִכָּל אוּמֵן וְאוּמֵן", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִשְׁפָּחָה 'בֵּית נָמֵר' וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעבְּן פֵּאָה אֵיין מָאל פַאר דִי גַאנְצֶע פֶעלְד, נָאר יֶעדֶע שׁוּרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט שְׁנַיידְן הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פֵּאָה פַאר דֶעם שׁוּרָה; זָאגְן דִי מְפָרְשִׁים, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן יֶעדֶע שׁוּרָה בַּאזוּנְדֶער, לְמַעֲשֶׂה קוּמְט עֶס אוֹיס דָאס זֶעלְבֶּע וְוִי וֶוען מֶען גֶעבְּט אוֹיף אֵיין מָאל אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם? נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הָאבְּן אַסַאךְ מִצְוֹת, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַפָּאר מָאל פֵּאָה, וְוִי צוּ גֶעבְּן אוֹיף אֵיין מָאל אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם. דֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יג) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַטְבֵּעַ פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּ אַ פוּשְׁקֶע אוּן דָאס אוֹיפְטוֹישְׁן אוֹיף פְּרוּטוֹת, אוּן יֶעדֶעס מָאל גֶעבְּן נָאךְ אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן אַסַאךְ מִצְוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשע"ז)

דֶער אַנְדֶערֶער זַייט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְּן אַז וֶוער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן צוּ דֶעם וֶועג וָואס עֶס גֵייעֶן פוּן אִים אַרוֹיס כַּמָּה וֶועגְן (דְהַיְינוּ דֶער וֶועג וָואס אוֹיבְּן אִיז גִישְׁטַאנֶען וָואס דִי זוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶער לְבָנָה) הָאט עֶר אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט. הָאט עֶס אִים אַהִין אַוֶועק גִיטְרָאגְן (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם וֶועג) הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי פִּיס אִין דֶעם וֶועג. וָואס דֶער פּוֹל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ דִי פִּיס אִיז עֶר תֵּיכֶף גִיהֵיילְט גִיוָוארִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט גִינוּמֶען דֶעם פּוֹל פוּן אַלֶע וֶועגִין אוּן הָאט אִיטְלִיכְן פּוֹל בַּאזוּנְדֶער אַיין גֶעבּוּנְדְן אִין אַ בִּינְטְל. (דְהַיְינוּ) דֶעם פּוֹל פוּן דֶעם וֶועג פוּן צַדִיקִים הָאט עֶר בַּאזוּנְדֶער אַיין גֶעבּוּנְדְן. אוּן אַזוֹי דֶעם פּוֹל פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע וֶועגִין הָאט עֶר אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער פַאר בּוּנְדְן. אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט בִּינְטְלִיךְ פוּן דִי פּוֹלִין. אִין הָאט זֵיי מִיט זִיךְ מִיט גִינוּמֶען.

אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם וַואלְד וָואס מֶען הָאט אִים דָארְט גִירַאבֶּעוֶועט. וִוי עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אֵיין הוֹיכְן בּוֹים. וָואס עֶר אִיז נָאנְט צוּ דֶעם וֶועג וָואס פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס דִי גַזְלָנִים רַאבִּיוֶוען. אוּן הָאט גִינוּמֶען דֶעם פּוֹל פוּן צַדִיקִים אוּן דֶעם פּוֹל פוּן מְשׁוּגָעִים. אוּן הָאט זֵיי אִין אֵיינֶעם אוֹיס גִימִישְׁט. אוּן הָאט זֵיי פַאר שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג. אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בּוֹים אוּן הָאט זִיךְ דָארְט גִיזֶעצְט. עֶר זָאל זֶעהְן וָואס מִיט זֵיי וֶועט זִיךְ טָאהן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי דִי גַזְלָנִים זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען. וָואס דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן (הַנַּ״ל) הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישִׁיקְט רַבִּיוֶוען. וִוי דִי גַזְלָנִים זֶענִין גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם וֶועג תֵּיכֶף וִוי זֵיי הָאבְּן אַ טְרֶעט גִיטָאן אוֹיף דֶעם פּוֹל. זֶענִין זֵיי גִיוָוארִין צַדִיקִים אוּן הָאבִּין אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵייעֶרֶע יָאר אוּן טֶעג. וָואס זֵיי הָאבִּין בִּיז אַהֶער גִירַאבִּיוֶועט אוּן הָאבְּן גִיהַרְגֶעט כַּמָּה נְפָשׁוֹת.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גְעזָאגְט: אֵיינֶער וָואס שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַלֶע מַיינֶע יָארְן״ - וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִיק.

דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּן אָפְּמַאכְן: ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן׳. יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת וִויל עֶר נָאר דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ אוּן עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת - טוּט עֶר נָאכְדֶעם תְּשׁוּבָה אוּן קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט״ וֶוערְט פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת זְכוּתִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה וֶוערְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת זָכִיוֹת.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, פַארְ׳ן קְרִיג זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בָּחוּרִים פוּן פּוֹילְן קַיין אוּמַאן אוּן וֶוען דִי קְרִיג הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן זֶענֶען זֵיי שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן אִין אוּמַאן, וִוייבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וואו צוּ וואוֹינֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִינֶעם קְלוֹיז. דֶער שַׁמָּשׁ הָאט דָאס נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט וַוייל עֶר הָאט אוֹיפְגֶערוּימְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גְלַייךְ אִיז עֶס גֶעוָוארְן צוּרִיק אִיבֶּער גֶעדְרֵייט, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי בָּחוּרִים אוּן שְׁרֵייעֶן: ״גֵייט אַייךְ פוּן דַאנֶעט!״ אוּן הָאט צוּגֶעשְׁפַּארְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט מֶען הֶערְן וִוי עֶר וֵויינְט בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס וִויל אִיךְ פוּן דִי בָּחוּרִים? וָואס שְׁרֵיי אִיךְ אוֹיף דִי בָּחוּרִים? זֵיי וִוילְן דֶען זַיין אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ? זֵיי הָאבְּן דָאךְ נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ, זֵיי זֶענֶען דָא פַארְוָוארְפְן...״, אִיז מֶען גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער שַׁמָּשׁ וֶועט מֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי בָּחוּרִים, אָבֶּער צוּמָארְגְנְס הָאט זִיךְ דָאס אִיבֶּער גֶע׳חַזֶר׳ט נָאכְאַמָאל, עֶר הָאט זִיךְ וִוידֶער אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף דִי בָּחוּרִים אוּן גֶעשְׁרִיגְן: ״גֵייט אַייךְ פוּן דַאנֶעט!״ אוּן הָאט וִוידֶער צוּגֶעשְׁפַּארְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַזוֹי הָאט זִיךְ דָאס אִיבֶּער גֶע׳חַזֶר׳ט יֶעדְן טָאג - עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף זֵיי אוּן דֶערְנָאךְ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת פַארְוָואס עֶר רֶעגְט זִיךְ.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוֹיסְגֶעפִירְט: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוָוארְן צוּם סוֹף, צִי דֶער שַׁמָּשׁ הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי בָּחוּרִים אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער דָאס קֶען מֶען זִיךְ אָפּ לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה: אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד, אֲפִילוּ עֶר פַארְלִירְט זִיךְ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, גֵייט עֶר אַלְץ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן״.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִינְדִיגְן וַוייל אַזוֹי וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְלִירְן זַיין מוּט, בִּיז עֶר וֶועט שׁוֹין אָפְּמַאכְן: ״דָאס אִיז עֶס, אִיךְ וֶועל שׁוֹין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נִישְׁט זַיין״, דָא קוּמְט אָבֶּער אַרַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס לִימוּד, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, בֶּעט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט: אַז מֶען טְרֶעט אוֹיף דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דִי צַדִיקִים, מֶען דְרֵייְדט זִיךְ צְוִוישְׁן תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי׳ן וָואס חַזֶר׳ן דֶעם רֶבִּי׳נְס וֶוערְטֶער - קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן אוּן שְׁטֶענְדִיג וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

נָאר עֶס אִיז דָאךְ אָבֶּער דָארְט גִיוֶוען גִימִישְׁט מִיט דֶעם פּוֹל פוּן מְשׁוּגָעִים זֶענֶען זֵיי גִיוָוארִין מְשׁוּגֶענֶע צַדִיקִים. אוּן הָאבְּן זִיךְ אָן גִיהוֹיבּוּן צוּ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין. דֶער הָאט גִיזָאגְט. אִיבֶּער דִיר. הָאבִּין מִיר גִיהַרְגֶעט. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט אִיבֶּער דִיר. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַזוֹי צוּ קְרִיגְט. בִּיז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע גִיהַרְגֶעט. הָאט דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן גִישִׁיקְט נָאךְ

אַמָאל אַנְדֶערֶע גַזְלָנִים. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען וִוי פְּרִיר. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גִיהַרְגֶעט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. אוּן אַזוֹי אִיז עֶטְלִיכֶע מָאל גִיוֶוען. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיס גִיהַרְגֶעט גִיוָוארִן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ גוּטֶע פְּלֶעצֶער וואו עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ צַדִיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶער אוֹיב מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן: "אִיבֶּער דִיר...", אוּן דֶער אַנְדֶערֶער שְׁרֵייט צוּרִיק: "אִיבֶּער דִיר..." - אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן "מְשׁוּגָעְנֶע צַדִיקִים"; וֶוער עֶס קְרִיגְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר; אֲפִילוּ עֶר זֶעט אוֹיס וִוי אַ צַדִיק, אִיז עֶר אַ מְשׁוּגֶע'נֶער צַדִיק.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז: זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, קוּק נָאר אוֹיף זִיךְ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אִין דִי פִּיס, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז דִי טֶעג אוּן וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים זָאלְן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פּוּסְט מִיט גָארְנִישְׁט, אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה".

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן סֵפֶר דְבָרִים, דָאס אִיז דִי לֶעצְטֶע סֵפֶר פוּן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: מַאךְ זִיךְ אַלֵיינְס אַ חֶשְׁבּוֹן: הָאסְטוּ דִי וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען? נֵיין! פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאסְטוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען? נֵיין! אַזוֹי גֵייט אַדוּרְךְ וָואךְ נָאךְ וָואךְ אוּן דוּ בִּיסְט נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ; הָאסְטוּ נֶעכְטְן גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת? הָאסְטוּ כָאטְשׁ גֶעעֶפֶענְט אַ מִשְׁנָיוֹת'ל? אַייעֶרְנֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעעֶפֶענְט אַ מִשְׁנָיוֹת? נֵיין?! - פְּרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט וֵוייטָאג: וָואס טוּסְטוּ אוֹיף דִי וֶועלְט?! אַז מִיר זֶענֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר טְרֶעטְן אוֹיף דִי שְׁטוּיבּ פוּן צַדִיקִים, דַארְפְן מִיר זִיךְ מַאכְן אַ אֶמֶת'עֶר חֶשְׁבּוֹן: וִוי קֶען דוּרְךְ גֵיין טֶעג אוּן וָואכְן אָן עֶפֶענֶען אַ אִידִישׁ סֵפֶר?!

קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין 'מֵזִיד', יֶעדֶער וִויל לֶערְנֶען, אָבֶער מֶען טְרַאכְט: "בַּאלְד וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען", "וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין מְסוּדָר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען"; הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ נָארְוָואס גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל: "מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן 'וֶוען אִיךְ וֶועל זִיךְ קוֹיפְן אַ הוֹיז אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין רוּאִיג דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין לֶערְנֶען'; דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז זֶע שׁוֹין אָנְצוּהֵייבְּן לֶערְנֶען, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אָפְּשְׁטִיפְּן דָאס לֶערְנֶען מִיט גוּטֶע תֵּירוּצִים וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען, מֶען וֶוערְט פַארְנוּמֶען אוֹיף גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג יָאר. קוֹדֶם דַארְף מֶען 'זִיךְ' מְסַדֵר זַיין, דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְסַדֵר דִי בַּאצָאלוּנְגֶען, דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען מְסַדֵר זַיין דִי גְרָאז אַרוּם דִי הוֹיז, דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען עֶנְדִיגְן דִי דֵיינוּנְג רוּם, דִי קָאךְ אוּן סְפַּאט לֵייטְס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, פְּלוּצְלִינְג זֶענֶען דוּרְךְ זִיבֶּעצִיג יָאר..."

אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס בּוֹיעֶט הַייזֶער פַאר רַייכֶע מֶענְטְשְׁן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי דָאס אִיז אַ טָאג-טֶעגְלִיכֶער עֶרְשַׁיינוּנְג, נָאכְ'ן אָפּ עֶנְדִיגְן בּוֹיעֶן דֶעם הוֹיז מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע מָאלְדִינְגְס וְכוּ', בַּאקוּמְט מֶען אַ נֵייעֶ בַּאפֶעל פוּנֶעם נָגִיד, מֶען זָאל אִיבֶּער מַאכְן דִי מָאלְדִינְגְס, עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן וִוי דֶעם חַבֶר'ס הוֹיז...

אַזוֹי וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְטִיג, יֶעדְן טָאג מוּז מֶען אִיבֶּער מַאכְן אַן אַנְדֶערֶע דֶעטַאל אִינֶעם הוֹיז וַוייל דֶער חַבֶר הָאט שֶׁענֶערְס פוּן אִים... אַזוֹי גֵייט אַדוּרְךְ זִיבֶּעצִיג יָאר, דֶער מֹחַ לִיגְט אִין שֶׁענֶער מַאכְן דֶעם הוֹיז וְכוּ', פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אָן דֶער טָאג וָואס מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶפֶּעס צוּ טוּן פַאר דִי נְשָׁמָה, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער נִישְׁט הָאבְּנְדִיג גֶעעֶנְדִיגְט אֲפִילוּ אֵיינְמָאל 'חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה' אוּן 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'.

פִּירְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיס: אַ מֶענְטְשׁ וָואס פָּאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר לֶערְנְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'נְ'ס 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד', וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵּין שַׁבָּת סג.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמָרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, - דֶעמָאלְט גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר אִיז יֶעצְט נִישְׁט מְסוּדָר עֶר הָאט נִישְׁט זַיין חַבּוּרָה, עֶר הָאט נִישְׁט זַיין חַבְרוּתָא וְכַדוֹמֶה, זָאגְט עֶר וַוייטֶער זַיין שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן אִין גְמָרָא וַוייל דָאס קֶען מֶען אַלְץ טוּן, דָאס גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע מַצָּב.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַרוֹיס גֶעבְּרֶענְגְט וִויפִיל דֶער פָּשׁוּטְ'סְטֶער בַּעַל הַבַּיִת וָואס אִיז פַארְפְּלָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה קֶען אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אִין אֵיין יָאר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן: אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר יֶעדְן טָאג 'אֵיין בְּלַאט גְמָרָא' קוּמְט אוֹיס אַז סוֹף יָאר הָאט עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט "דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן זֶעכְצִיג בְּלֶעטֶער גְמָרָא!"; קוּמְט אוֹיס אַז דֶער פָּשׁוּט'עֶר בַּעַל הַבַּיִת וָואס אִיז נִישְׁט דֶער

לַמְדָן, לֶערְנְט צוּם ווייניגסְטְנְס "דְרַיי הוּנְדֶערְט פִינְף און זֶעכְצִיג בְּלֶעטֶער גְמָרָא אַ יָאר", ווידֶערְאוּם דֶער גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן גוּטֶער קָאפּ לֶערְנְט צוּמָאל נָאר צֶען פוּפְצְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא אַ יָאר; עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער עֶר קֶען נִישְׁט אַרַיין קְרִיכְן אִין דִי לוֹמְדוּת און קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי לוֹמְדוּת, אַזוֹי בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֶעקְן בַּיים לֶערְנֶען גֶעצֵיילְטֶע בְּלֶעטֶער גְמָרָא...

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אִיךְ לַיידְן אַלֶע תַּלְמִידִים, קִינְדֶער, בַּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט, אַלֶע אִינְאֵיינֶעם צוּם גְרוֹיסְאַרְטִיגְן 'סִיוּם מַסֶּכֶת שַׁבָּת' וָואס וֶועט פָּארְקוּמֶען אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם אָב, הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, ווִי מִיר ווֶעלְן זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען לֶערְנֶען; מִיר הָאבְּן קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן ש"ס, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, און יֶעצְט עֶנְדִיגְן מִיר שׁוֹין דֶעם צְווייטְן מַסֶּכְתָּא, מַסֶּכֶת שַׁבָּת!

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בַּאמֶערְקְט: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן דָא אִין שְׁטֶעטְל אַ שִׁיעוּר וואו מֶען לֶערְנְט פָּאר שַׁיין און גְרִינְג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דַארְפְסְטוּ אָבֶּער ווִיסְן: אוֹיבּ קֶען אִיךְ נִישְׁט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, זָאג אִיךְ כָאטְשׁ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דָאס נֶעמְט נִישְׁט מֶער פוּן פִינֶעף - צֶען מִינוּט אַ טָאג.

פַאר אוּנְז פְּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן קוּקְט דָאס אֶפְשָׁר אוֹיס ווִי מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: וָואס טוּט מֶען דֶען אוֹיף דוּרְכְ'ן סְתָּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא... - הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן: דוּ זָאגְסְט אַז דוּרְכְ'ן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא טוּט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף, קְלַאפּ דַיין מוֹיל! וָואס הֵייסְט עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף? אַז מֶען זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט מִיר דָאס נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! דָאס מַאכְט מִיר הָאבְּן שַׁייכוּת מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן! דָאס וֶועט מִיר מַאכְן אִיךְ זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט ווַייטֶער: נָאר מִיט דִי תּוֹרָה קֶען מֶען בְּלַייבְּן אַ אִיד און זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת, ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", און אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן קֶעגְן אִים - דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעטַייטְשְׁט לוֹיט אוּנְזֶער אָפְּטַייטְשׁ: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי צָרָה פוּן 'אִינְטֶערְנֶעט', דֶעם אֵייפָּאד, טֶעבְּלֶעט, סְמַארְטְפָאוֹן און אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִיס וְכוּ', וָואס דָאס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּן אַ אִיד און בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן קֶעגְן זֵיי - דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס רַייסְן אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִיז מֶען אַ פַארְפַאלֶענֶער.

דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁיעוּר וואו מֶען לֶערְנְט פָּאר גְמָרָא - זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאג מִשְׁנָיוֹת, זָאג גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "וּמִמֵּילָא יָבִין", און צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן און אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אֵיינֶער וָואס זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד. נָאר אֵיינֶער וָואס גֵייט לֵיידִיג, עֶר עֶפְנְט נִישְׁט קַיין סֵפֶר אַ גַאנְצְן טָאג, וֶועט אָפְּשְׁפֶּעטְן: "עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אִיךְ קֶען אוֹיךְ זָאגְן אַ גַאנְצְן טָאג מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא".

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא און זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, עֶס רֵיינִיגְט און וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זַיינֶע פְלֶעקְן, און צוּבִּיסְלֶעךְ הֵייבְּט מֶען אָן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

בִּפְרָט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶר זוּכְט צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ, עֶר פָּארְט אַהֶער און אַהִין, עֶר פָּארְט צוּ דִי לְבָנָה... אַבִּי זַיין וַוייבּ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן, אָבֶּער אַ פְרוֹי הָאט לִיבּ צוּ זֶען ווִי אִיר מַאן לֶערְנְט, אִיר מַאן עֶפֶענְט אוֹיף זַיין גְמָרָא און לֶערְנְט, דָאס מַאכְט אִיר פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן.

וּבִפְרָט אַז מֶען הָאט שׁוֹין קִינְדֶער, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס; קִינְדֶער מַאכְן אַלֶעס נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן, אַ קִינְד וָואס זֶעט זַיין טַאטֶע עֶפֶענְט אוֹיף דִי גְמָרָא און לֶערְנְט וֶועט עֶר אוֹיךְ עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא און לֶערְנֶען, אָבֶּער אַ קִינְד וָואס זֶעט ווִי זַיין טַאטֶע שְׁפִּילְט זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן, זַיין גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִים וואו עֶר קֶען מַאכְן נָאךְ גֶעלְט, וֶועט דָאס קִינְד אוֹיךְ נָאכְמַאכְן זַיין טַאטְן, עֶר וֶועט אוֹיךְ אַ גַאנְצְן טָאג שְׁפִּילְן מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן און זַיינֶע קִינְדֶער וֶועט עֶר צִיפְן: "נוּ, וֶוען לֶערְנְסְטוּ שׁוֹין?..." "גֵיי שׁוֹין לֶערְן..." "וָואס וֶועט אוֹיסְוואַקְסְן פוּן דִיר?"...

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן פוּן הָאָרֶץ: "אִיךְ בֶּעט עֶנְק, לֶערְנְט אַבִּיסְל גְמָרָא אִינְדֶערְהֵיים!; אַ הוֹיז וואו מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁרַייעֶן דִי וֶוענְט אַרוֹיס: "דָא וואוֹינְט אַ אִיד", פוּן אִינְדְרוֹיסְן דֶערְקֶענְט מֶען נִישְׁט צִי דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער דִי וֶוענְט פוּן זַיין הוֹיז זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶע שְׁטוּבּ, עֶס מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ, דִי וַוייבּ און קִינְדֶער וֶוערְן פְרֵיילִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג' מְחַבֵּר - חֵלֶק ה'

פָּארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן תש"פ לפ"ק)